## זומערדיק

לאָזן די פֿעלדער
זיך גלעטן פֿון זומער
און גרינען אים אונטער די הענט.

באַגינען, באַגייט.
שײַן איך אויף אין פֿעלד
און גרין מיט.

צווישן טאָג און דאָרף
שנײַדט זיך אַרײַן
דער פֿרישער גלאַנץ
פֿונעם אײַזן־טאַנץ
בײַם פֿויער אין האַנט.

שאַרף קלינגט דורך מיר
דער רײַפֿער צאַפּל
פֿון געזונטער תּבואה.

נאָך אונטער דער קאָסע
שמעקן די זאַנגען
און פֿאַלן באַלייכטן:
מיר האָבן געלעבט!

אויף די איבערגעבליבענע
האַרט־זיכערע וואָרצלען
מאַרשיר איך, מאַרשיר איך,
אונטער די הייסע
באַפּעלן פֿון די פֿעלדער
און האָרך מיך גוט צו
צום טאַקט פֿון די טריט:
״הײַנט – געלעבט,
הײַנט – געלעבט,
און מאָרגן איז נאָך
אויכעט זומער - -״

---

הײַנט; פֿאָרמעלער נאָמען: נײַעס פֿון הײַנט
2, נומ׳ 119, מײַ 21, **1920**, ז׳ 5